בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַאְרְלוֹירְן

וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דֶעם טִיפְן גֶעשְׁרֵיי פוּנֶעם אֶמֶתְ'ן צַדִּיק, אַז אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אִים, און עֶר קֶען אַלֶעם רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

בָּלָק תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַאַרְלוֹירְן

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח[1]): כָאטְשִׁיג 'תּוֹכָחָה' אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יז): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ**; דָאךְ אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין צַייט

---

[1] דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע תּוֹרָה [צַוָואָה] וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין זַיין לֶעבְּן [רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקע"א].

(עֲרָכִין ט״ז ע״ב): אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר; אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר. אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט יָא מוּסָר פַאר אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְטְס נִישְׁט נָאר עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט יֶענֶעם מִיט דִי מוּסָר, נָאר עֶר וַוארְפְט אִים נָאךְ מֶער אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן; וַוייל מוּסָר זָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פָארְצוּהַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ: ׳פַארְוָואס׳ הָאסְטוּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהְן?! פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר צוּבְּרֶעכְט מִיר.

## ב.

וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסְצוּרַייסְן דִי בַּעֲלֵי מוּסָר אוּן דִי מַגִידִים, וָואס פְלֶעגְן אַרוּמְפָארְן אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ זָאגְן שַׁארְפֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת מִיט אַ נִיגוּן וְכוּ׳, אוּן גוּט צוּבְּרָאכְן דֶעם עוֹלָם: אִיר וֶועט בְּרֶענֶען אִין אַ רוֹיטֶע פַייעֶר, גֶעלֶע פַייעֶר, גְרִינֶע פַייעֶר וְכוּ׳. בִּשְׁעַת אִידִישֶׁע

קינדער זענען געווען אַזוי צובּראָכן פון די צרות וואס זיי האָבּן געליטן פון די גוים ימח שמם, ווען די קאזאקן האָבּן געהרג'עט אָן אַ שיעור אידן, און געגזל'ט און געראבּט פון אידן וואס עס איז זיי נאר געקומען אונטער די האַנט וכו', ווידער צווישן די אידן אַליין האָבּן די לומדים בּכלל נישט געוואָלט קוקן אויף די פּשוט'ע מענטשן, בּקיצור אידן זענען דעמאָלטס געווען בּשפל המצב...

און נאָך אַלעם זענען די מגידים אַרום געפאָרן און נאָר געזאָגט מוסר פאַרן עולם, און דעם בּעל-שם-הקדוש האָט דאס זייער וויי געטוהן, און ער איז דערויף זייער בּרוגז געווען, אַזוי ווי דער הייליגער תולדות זאָגט (תולדות יעקב יוסף פּרשת קדושים): שמעתי ממורי - איך האָב געהערט פון מיין הייליגן רבּי'ן דער בּעל-שם-הקדוש זכותו יגן עלינו, אַז דאָס וואס דער פּסוק זאָגט (בּמדבּר כא, ו): וישלח הוי"ה את הנחשים השרפים וגו' - דער אייבּערשטער האָט געשיקט די בּרענעדיגע שלענג וואס זיי האָבּן געבּיסן דעם פאָלק און אָפּגעהרג'עט אַ ריזיגער עולם; דאס גייט אַרויף

אויף די מגידים און בעלי מוסר וואס זיי זענען אזוי ווי שלענג וואס בייסן דעם פאלק.

איינס פון די פולע מעשיות איבערדעם איז באקאנט (עיין בעל שם טוב על התורה פרשת קדושים), אז דער בעל-שם-הקדוש איז אמאל אנגעקומען אין די שטאט אליק, און ער איז איינגעשטאנען ביי איינער פון די ראשי קהילה, פונקט יענעם שבת איז אויך דארט געווען איינער פון די מגידים, דער בעל-שם-הקדוש האט געדאווענט עקסטער מיט א מנין אין זיין אכסניא, און ער איז נישט געגאנגען אין די גרויסע שול, ווייל ער האט אפילו נישט געוואלט אנקוקן דעם מגיד, אבער דער ראש הקהל - ביי וועם דער בעל-שם-הקדוש איז איינגעשטאנען - האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער איז געגאנגען צו די דרשה וואס איז פארגעקומען ביי שלש סעודות, אינמיטן האט דער בעל-שם-הקדוש געהערט אז דער בעל-דרשן רעדט שלעכטס און איז מקטרג אויף די אידן, האט עס אים זייער אויפגערעגט און וויי געטוהן, און ער האט געשיקט זיין

משרת, ער זאָל גלייך אַהיימרופֿן דעם ראש הקהל, אינצווישן האָט דער משרת אויך פֿאַרשפּרייט פֿאַר אַנדערע, אַז דער בעל־שם־הקדוש איז זייער בּרוגז אויף דעם מגיד, און אַזוי האָבּן זיך צוּבּיסלעך אַרויסגערוקט פונעם גרויסן שוהל איינער נאָכן אַנדערן, און פֿאַרשטייט זיך אַז ווען דער מגיד האָט דאָס בּאַמערקט, האָט ער גלייך געענדיגט זיין דרשה.

צומאָרגענס איז דער בּעל־דרשן געקומען געבּן שלום פֿאַרן בּעל־שם־הקדוש, פֿרעגט אים דער בּעל־שם־הקדוש: ווער זענט איר? זאָגט ער: איך בּין דער בּעל־דרשן וואָס האָט דאָ נעכטן אויפֿגעטרעטן מיט אַ דרשה! און איך וויל אייך פֿרעגן: פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי בּרוגז אויף מיר? האָט דער בּעל־שם־הקדוש געגעבּן אַ שפּרינג אויף, בּשעת טרערן האָבּן אָנגעהויבּן צו פֿליסן פון זיינע אויגן, און ער רופֿט זיך אָן: דו וואָגסט זיך צו רעדן שלעכטס אויף אידן?! וויסן זאָלסטו אַז ווען אַ איד געפֿינט זיך אַגאַנצן טאָג אין מאַרק, און פֿאַרנאַכטס געט ער זיך אַ כאַפּ:

"גִיוַואלְד, בַּאלְד קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִנְחָה!" און עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין אַ ווינְקְל דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, צִיטֶערְן דִי מַלְאָכִים און שְׂרָפִים פוּן זַיין דַאוֶוענֶען!!!

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעהַאלְטְן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ צוּבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, וָואס נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן, און ווידֶער אַקֶעגְן דִי תַּאֲוות נוּצְט אוֹיךְ נִישְׁט דֶער וֶועג, אַזוֹי ווִי דֶער וֶועלְט זָאגְט: אַז מֶען צוּבְּרֶעכְט אַ שְׁטֶעקְן וֶוערְט דֶערְפוּן צְוֵויי; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז דוּ צוּבְּרֶעכְסְט אַ תַּאֲוָה וֶוערְט דֶערְפוּן צְוֵויי תַּאֲוות!

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען און עֶר הָאט נָאר גֶעגָאסְן לֶעכְטִיגְקֵייט, און מְגַלֶה גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג אָפֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט שׁוֹין מִמֵילָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים. אַזוֹי ווִי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה, פֶּרֶק ה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ צִיהְט אַרָאפּ אוֹיף זִיךְ דִי

לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס פוּן פִּיל לֶעכְטִיגְקֵייט וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אַלֶע מַשְׁחִיתִים[2].

---

[2] דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט דָאס אוֹיף לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה' ע"א): וֶוען אַ אִיד לֵיינְט 'קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה' אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אִין זַיין הַאנְט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן [אַזוֹי אַז צוּ וֶועלֶעכֶע זַייט עֶר זָאל נָאר נִישְׁט דְרֵייעֶן וֶועט עֶס שְׁנַיידְן]. חַזַ"ל זָאגְן (שָׁם ו' ע"א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען קֶענֶען זֶעהְן וִויפִּיל מִילְיָאנֶען קְלִיפּוֹת עֶר בַּאשַׁאפְט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואלְט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן! וַוייל בְּלוֹיז פוּן אַ מַחְשָׁבָה זָרָה וֶוערְט שׁוֹין בַּאשַׁאפְן אַ קְלִיפָּה, דִי סֵייעֶנְטִיסְטְן רוּפְן עֶס אָן זְשֶׁערְמְס [בַּאצִילְן], עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַזַאלֶעכֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז וָואס מֶען קֶען מִיט דֶעם זֶעהְן וִויפִּיל זְשֶׁערְמְס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז מְסוּכָּן וַוייל אֵיינֶער קֶען דָאס אַרִיבֶּערְכַאפְּן פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפְן.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם ה' ע"א), אַז וִוי נָאר מֶען לֵיינְט 'קְרִיאַת-שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה' אוּן מֶען זָאגְט 'הַמַּפִּיל', הַרְגֶ'עט מֶען זֵיי אַלֶע אוֹיס. בִּפְרַט אַז מֶען זָאגְט דִי קְרִיאַת-שְׁמַע פוּן אֲרִיזַ"ל [עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעף זֶעקְס מִינוּט], וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, אוּן מֶען זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם, אוּן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן, אוּן פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן אִין דִי פִּיר עוֹלָמוֹת פוּן אֲצִילוּת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָה, זָאל אַלֶעס בָּטֵל וֶוערְן; דֶעמָאלְטְס נֶעמְט דֶער מֶענְטְשׁ אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַזַא מִין מוֹרָא'דִיגֶע לֶעכְט וָואס דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת. כָאטְשִׁיג מִיר זֶעהְן דָאס נִישְׁט, אָבֶער אוּנְזֶער נְשָׁמָה זֶעהְט דָאס שׁוֹין גַאנְץ גוּט!

אָבֶער וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַזַא 'מָרָה שְׁחוֹרָה' פוּן אַלֶעם וָואס אִיז אִים דוּרְךְ אַגַאנְצְן טָאג, אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פַאלְט עֶר אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן יִאוּשׁ אַז עֶר לֵיינְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְרִיאַת-שְׁמַע, אוּן

## ג.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): וֶוער קֶען יָא מוּסָר זָאגְן? דֶער וָואס קֶען זָאגְן 'תּוֹכָחָה' אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ! וָואס מִיר גֶעפוּנֶען, אַז וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל מִיט דִי לוּחוֹת דָאס צוּ גֶעבְּן פַאַר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי אִידְן [=עֵרֶב רַב] הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעמַאכְט דֶעם בִּיטֶערְן עֵגֶל, וִוי זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ פָּשׁוּטֶ'ען בָּאק [עֵגֶל] אוּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גֶעטַאנְצְן אַרוּם דֶעם מִיט פוֹיק אוּן טֶענְץ, אוּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, ח): **אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל וְגוֹ'** - דָאס אִיז דֶער גָאט וָואס הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם[3].

---

אוֹיבּ הָאט עֶר אִין זִיךְ אַ טְרָאפֶּעלֶע 'יִרְאַת שָׁמַיִם', זָאגְט עֶר נָאךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל וְכוּ', בָּרוּךְ שֵׁם וְכוּ. אוּן שְׁלָאפְט שׁוֹין אַיין, אַן אַנְדֶערֶער אִיז אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אַז עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: הַלְוַואי שְׁטַארְבּ אִיךְ! בִּשְׁעַת יֶעצְט קֶען עֶר אִין אַפָּאר מִינוּט אַלֶעס אַלֶעס פַארֶעכְטְן

[3] חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, כ): בַּיי דִי עֵגֶל אִיז גֶעוֶוען דִי דְרֵיי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים. אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע

זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת פח ע״ב): **עֲלוּבָה כַּלָּה מְזַנָּה בְּתוֹךְ חוּפָּתָהּ**; דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָּיוֹן, אַז מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, פְּלוּצְלִינְג כַאפְּט זִיךְ דִי כַּלָּה אַרוֹיס אוּן זִי אַנְטְלוֹיפְט, וָואס זָאל יֶעצְט דֶער חָתָן טוּהְן פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה?!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט מֶען גֶעטוּהְן בַּיי 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה', מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הַאלְט שׁוֹין בַּיים אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי תּוֹרָה, פְּלוּצְלִינְג לוֹיפְט מֶען אַוֶועק אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ אַן עֵגֶל אַנְשְׁטָאטְס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואלְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן פָארְהַאלְטְן דִי אִידְן: אַזַא זַאךְ צוּ טוּהְן[4]? בִּיז דֶערְוַוייל הָאט

---

צַעַר, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּגַם אִין 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, א): לָאמִיר מַאכְן אַן אָפְּגָאט וַוייל מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה; דֶערְפַאר הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דִי לוּחוֹת אוּן דָאס צוּבְּרָאכְן.

[4] וַוייל צוּלִיב דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, לד): וּבְיוֹם פָּקְדִי פָּקַדְתִּי; אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (סַנְהֶדְרִין קב ע״א), אַז אַלֶעס וָואס מֶען לַיידְט מֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת אִיז פוּנֶעם 'חֵטְא הָעֵגֶל'.

משֶׁה רַבֵּנוּ די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זֵיי גֶעזָאגְט (שַׁבָּת שָׁם): **עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הִיא גַּבָּן** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז נָאךְ אַלְץ לִיבּ! אוּן וִוי נָאר די אִידְן הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, הָאבְּן זֵיי אַלֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ד.

דָאס אִיז דֶער לִימּוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט גֶעשְׂרִיגְן מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן פוּן טִיפְן הַארְצְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): "גֶעוַואלְד! זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ!" וָואס אִין די וֶוערְטֶער לִיגְט מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז אַלֶעס אִיז שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אוּן דֶערְנָאךְ, דָאךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיב): **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵּן** - אוֹיבּ גְלֵייבְּסְטוּ אַז מֶען קֶען קַאלְיֶע מַאכְן, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; וַוייל אַז דוּ הַאלְטְס אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע סִימָן אַז דוּ הָאסְט

אֱמוּנָה, דֶערפַאר זָאלְסְטוּ הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אֱמוּנָה, אוּן גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען דָאס פַארְרֶעכְטְן.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער: מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין! וַוייל דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים, קכ ע״א): אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, ט), מַ׳ה שֶׁ׳הָיָה ה׳וּא שֶׁ׳יִּהְיֶה; אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ׳מֹשֶׁה׳. וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ קוּמְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ נָאכְאַמָאל צוּ דִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי אֱמֶת׳ע מַנְהִיגֵי הַדּוֹר (עַיֵּין שַׁעַר הַפְּסוּקִים וַיְחִי; לִקּוּטֵי תּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן).

ה.

דֶערפַאר קֶען נָאר זָאגְן מוּסָר אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ צְוֵוייטְן אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אַ שְׁטִיק ׳רוּחְנִיוּת׳, וַוייל יֶעדֶע נְשָׁמָה אִיז אַ ׳חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל׳ – אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, נָאר מֶען קֶען דָאס נִישְׁט

זֶעהְן, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט זֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער (בְּרָכוֹת דַף י ע"א). אָבֶּער דָאךְ קֶען מֶען דוּרְךְ דֶעם דְרוֹיסֶענְדִיגְן גוּף אוֹיךְ זֶעהְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ רוּחְנִיוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַז אֵיינֶער בַּאוֶועגְט זִיךְ אִין אִים, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ 'דָאמִי'.

דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל (נִדָּה דַף לא ע"א): **שְׁלֹשָׁה שׁוּתָּפִין יֵשׁ בָּאָדָם וְכוּ'** - עֶס אִיז דָא דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִין יֶעדֶע מֶענְטְשׁ: דֶער בַּאשֶׁעפֶּער, דִי טַאטֶע אוּן דִי מַאמֶע; אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער נֶעמְט אַוֶועק זַיין חֵלֶק, זָאגְט עֶר פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע, יֶעצְט נֶעמְט אַייךְ אַייעֶר חֵלֶק אוּן פָארֶעט זִיךְ דֶערְמִיט; אוּן זֵיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן נָאר אִים בַּאעֶרְדִיגְן. וַוייל אִין דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר קֵיינֶער שְׁפִּירְט עֶס נִישְׁט אוּן זֶעהְט עֶס נִישְׁט.

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אוֹתִיוֹת מח-נב): **בְּגַשְׁמִיוּת** זֶעהְט מֶען וֶוען אַ פַאכְמַאן הָאט גֶעמַאכְט אַ טָאפּ אָדֶער אַן

אַנְדֶערֶע כְּלִי, דֶעמָאלְטְס אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט דָאס גֶעעֶנְדִיגְט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין פֶערְטִיג, הָאט דֶער כְּלִי שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער מִיטְן ׳בַּעַל-מְלָאכָה׳, אָבֶער בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר פוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הַאלְט עֶר דָאס אָן, אוּן עֶר אִיז דָאס מְחַיֶה וּמְהַוֶה יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן פְרִישׁ.

דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִים קיט, פט): **לְעוֹלָם ה׳ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם**; דִי צֶען מַאֲמָרוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, לִיגְט שְׁטֶענְדִיג אִין דִי בְּרִיאָה, לְמָשָׁל דֶער דִיבּוּר וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית א, ג): **יְהִי אוֹר** - עֶס זָאל זַיין לֶעכְטִיג. כִּבְיָכוֹל דִי אוֹתִיוֹת וָואס אִיז אַרוֹיס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, דָאס לֶעבְּט אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע פוּן פְרִישׁ דִי זַאךְ פוּן לֶעכְטִיגְקֵייט, וַוייל אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט דָא קַיין

וֶועלְט, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוֹיס חָלִילָה וְחַס דִי חַיוֹת דֶערְפוּן וֶוערְט אַלֶעס גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיס[5].

---

[5] עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קד, לב): הַמַּבִּיט לָאָרֶץ וַתִּרְעָד; אַמָאל וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ שָׁאקְל גֶעבְּן דִי וֶועלְט וֶוערְט אַ עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אִין גֶעצֵיילְטֶע סֶעקוּנְדֶעס פַאלְן אַיין מֶעכְטִיגֶע בִּנְיָנִים אוּן אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'עט, אָדֶער אַמָאל אִיז דָא אוֹיף אַ פְּלַאץ הֶפְקֵרוּת אוּן גְרוֹיס נִיאוּף, גֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כַּבְיָכוֹל אַ קוּק דָארְט, אוּן מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט מַחֲלוֹת, אוּן אַזוֹי מִיט נָאךְ בַּיישְׁפִּילְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל וַוייזְן אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר!

דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֶערְט נָאר אָדֶער מֶען לֵיינְט אִין דִי נַייעֶס אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט עֶפֶּעס אַן אוּמְגְלִיק חָלִילָה [עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פָארְקוּמֶען], אֲפִילוּ אִין יֶענֶע עֶק וֶועלְט בַּיי אַלֶע וִויסְטֶענִישֶׁען, צוּ אִיז דָאס בַּיי דִי וַוייטֶע כִינֶעזֶער גוֹיִם, אָדֶער אַ 'צִינַאמִי' בַּיי דִי יַאפַּאנֶעזֶער וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען גְלַייךְ וִויסְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט דָאס סְפֶּעצְיֶעל צוּ דֶערְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל דָאס קֶען בַּיי אִים אוֹיךְ פַּאסִירְן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כַּבְיָכוֹל דָא אִין דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט סְתָּם, נָאר יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי בְּרִיאָה אִיז אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן חֶשְׁבּוֹן.

לְמָשָׁל דִי זוּן וָואס גֶעט אַרוֹיס שְׁטְרַאלְן אוּן לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז וַוייט פוּן אוּנְזֶער וֶועלְט מִילְיֵ מִילְיָאנֶען מַייל, וַוייל אַז עֶס וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען נֶענְטֶער וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן רַחֲמָנָא לִצְלָן פוּן אִיר הִיץ, אָדֶער פַארְקֶערְט אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעוֶוען הֶעכֶער וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט גֶעפְרוֹירֶען וֶוערְן פוּן קֶעלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכְנְט דָאס אַלֶעס אוֹיס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, אוּן דִי זוּן אִיז אוֹיךְ נָאר אַ בַּאדִינֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהְן אַ שְׁטִיק 'רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת'.

און דֶער תַּכְלִית פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז נָאר כְּדֵי מֶען זָאל אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'! נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא, דָאס דַארְף זַיין דֶער גַאנְצֶער מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִמֵילָא פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז פוּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן דֶעם רֶעדְט עֶר, און פוּן וָואס עֶר רֶעדְט דָאס טוּט עֶר, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס נָאר עֶר אִיז דָא און אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא, און וָואס מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אַרוּם און פַארְדֶעקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ו.

מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶע פְרוּכְט הָאט אַ שָׁאלַאכְטְס [קְלִיפָּה] אַרוּם אִיר, אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז דִי פְּרִי אַלֵיין פוּן וָואס מֶען עֶסְט, און דָאס אִיז נָאר אַ שָׁאלַאכְטְץ אַרוּם און אַרוּם צוּ הִיטְן דִי פְּרִי, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וָואלְטְן אַלֶע מִינֵי שְׁרָצִים

רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי פְּרִי אוּן מֶען וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וִוייבַּאלְד עֶס אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ קְלִיפָּה [שָׁאלַאכְטְן] וָואס פַּארְדֶעקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם זֶעהְט נִישְׁט יֶעדֶער גְלַייךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זֶעהְט פְרִיעֶר דִי קְלִיפָּה פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע מִינֵי מַחְשָׁבוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אֵיינֶער טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן 'גֶעלְט', וִוי אִיךְ וֶועל מַאכְן גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט; אַ אַנְדֶערֶער טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן 'נִיאוּף' רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ מַחְלָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט הַיינְט מִיט דִי אַלֶע כְּלִי-מַשְׁחִית וָואס אִיז דָא, אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוּן קוּקְט אוּן קֶען נִישְׁט פֶערְטִיג וֶוערְן, הָאסְט דָאךְ דָאס שׁוֹין גֶענוּג גֶעקוּקְט?! נָאכְדֶעם אִיז דָא 'תַּאֲוַות אֲכִילָה', אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר עֶסְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקטו): 'תַּאֲוַת אֲכִילָה' הֵייסְט, וֶוען מֶען עֶסְט שְׁנֶעל אוּן גֶעכַאפְּטֶערְהֵייט

אַזוֹי וִוי אַ ׳זוֹלֵל וְסוֹבֵא׳! מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ עֶסְן רוּאִיג, מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעגֶעסְן מִיט ׳דֶרֶךְ אֶרֶץ׳ וֶוען אַ גְרוֹיסֶע חָשׁוּבֶ׳ער מֶענְטְשׁ זִיצְט בַּיים טִישׁ; דָאס מֵיינְט אַז מֶען צוּבְּרֶעכְט תַּאֲוַת אֲכִילָה[6].

---

[6] אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶועןן בַּיי אַ שִׂמְחָה וואוּ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן זֶעהֶענְדִיג וִוי מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַזוֹי אַרוֹיף אוֹיפְן טֶעלֶער עֶסְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וָואס אִיז דָא, אַ יְרִיד אִין טֶעלֶער?!

דָא אִין אַמֶערִיקָא זֶעהְט זִיךְ עֶס שְׁטַארְק אַרוֹיס, לְמָשָׁל בַּיי אַ חֲתוּנָה וואוּ מֶען גְרֵייט אָן אִין דִי זַייט אַן עֶקְסְטֶערֶע טִישׁ פוּן אַלֶע פַארְשִׁידֶענֶע בַּא׳טַעמְ׳טֶע עֶסְן, קֶען מֶען זֶעהְן וִוי אַ מֶענְטְשׁ פִילְט זִיךְ אָן אַ טֶעלֶער פוּן אַלֶע סָארְטְן, אוּן שׁוֹין גֵייעֶנְדִיג מִיטְן טֶעלֶער אִין דִי הֶענְט כַאפְּט עֶר אַרַיין אִין מוֹיל אוּן עֶר עֶסְט, [עֶס אִיז אִים אַ שָׁאד צוּ וַוארְטְן פוּן דָארְט בִּיז צוּ זַיין פְּלַאץ בַּיים טִישׁ...] מַמָשׁ וִוי אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא! ווִילְסְט עֶסְן? גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, נֶעם וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט אוּן גֵיי צוּם טִישׁ אוּן עֶס גֶעהֶערִיג, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְעֶסְן דֶעם גַאנְצְן ׳שׁוֹר הַבָּר׳ אוּן קֵיינֶער וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט ווִיסְן! וַוייל עֶר עֶסְט עֶס רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ דְרַייוֶוער וָואס עֶר פְלֶעגְט מִיר נֶעמֶען צוּם דְרוּקֶער יֶעדְן טָאג, [אַגַב. דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיר אַלֶע זֶענְט נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְטְס גֶעדְרוּקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן עֶס אִיז אוֹיף מִיר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעדְרוּקְט דֶעמָאלְטְס דִי סְפָרִים בַּיי דְרֵיי דְרוּקֶערְס מִיט צְוֵויי בִּינְדֶערְס, אוּן אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען גוּזְמוֹת מִיט גֶעלְט, אָבֶּער

# כ  דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן

אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּפָארְן, אוּן זֵיי צוּטֵיילְט פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשַׁאפְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקַייט, צְוָואנְצִיג, פוּנֶעף אוּן צְוָואנְצִיג, פוּפְצִיג, אוּן דֶער מַדְפִּיס אִיז גֶעוֶוען דֶערוֹיף אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט מִיר נָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן: פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ מִיר נִישְׁט נָאךְ אַרְבֶּעט? שְׁטֶעלְט אֵייךְ פָאר: אִיךְ בִּין אִים שוּלְדִיג ׳נַיינְצִיג טוֹיזֶענְט דָאלֶער׳ אַזוֹי וִוי הַיינְט ׳נַיין הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט דָאלֶער׳! אוּן עֶר וִויל נָאר אִיךְ זָאל דְרוּקֶען נָאךְ].

דֶער דְרַייֶוֶוער אִיז גֶעוֶוען אַ דִיקֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן קְרַאנְק פַאר עֶסְן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן עֶסְן הָאט עֶר פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט, אוּן בִּשְׁעַת אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין אָפִיס אוּן פַארְהַאנְדֶעלְט מִיטְן בַּעַל הַמַדְפִּיס, פְלֶעגְט עֶר צוּ גֵיין צוּם פְרִידְזְשִׁידֶער, אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעטְרָאפְן, אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט עֶסְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: דִי רֶבִּי הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ סְעוּדָה! עֶס הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט דְרַייסִיג פֶערְצִיג יוּנְגֶעלַייט פוּן אַכְט אַזֵייגֶער צוּפְרִי בִּיז זֶעקְס נָאכְמִיטָאג, פְלֶעגְן זֵיי מִיטְבְּרֶענְגְען אַ זֶעקְל עֶסְן [לָאנְטְשׁ בֶּעג], אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אֵיינְמָאל אוּן צְוֵויי מָאל נָאךְ דִי אַרְבֶּעט, אַז עֶס פֶעלְט זֵיי זֵייעֶר בֶּעג עֶסְן, זֶענֶען זֵיי דֶערְגַאנְגֶען וָואס עֶס קוּמְט דָא פָאר, אַז דֶער אִיד לֵיידִיגְט אוֹיס אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ מִיט עֶסְן, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ רִיזִיגֶע סְעוּדָה, אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ זִיץ אַזוֹי אִין אָפִיס, לוֹיפְן פְלוּצְלִינְג אַרַיין אַלֶע אַרְבֶּעטֶערְס מִיט טַעֲנוֹת אוּן גֶעשְׁרֵיי: וָואס טוּט אִיר מִיט אוּנְז, דֶער דְרַייֶוֶוער אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וִוי אַ הֵיישֶׁערִיק עֶר עֶסְט אָפּ אַלֶעס וָואס עֶר טְרֶעפְט! הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן דֶעמָאלְטְס וָואס הֵייסְט תַּאֲוַת אֲכִילָה.

## ז.

אַוודַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן, פָּשׁוּט כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער[7], נָאךְ מֶער פוּן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל-שֵׁם-טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** (עַיֵּין בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, אוֹת כו), אַז יֶעדֶע עֶסְן וָואס מֶען גֶעט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט מֶען דָאס פוּן הִימְל צוּגֶעפִירְט פַאר אִים; פַארְוָואס הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן פּוּנְקְט דִי עֶסְן? נָאר דָא דַארְף אִיךְ פַארְרֶעכְטְן עֶפֶּעס אַ נְשָׁמָה! מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קז, ה): **רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף**; אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פְּלוּצְלִינְג הוּנְגֶערִיג אָדֶער דָארְשְׁטִיג, אוּן עֶר מוּז עֶפֶּעס עֶסְן אָדֶער טְרוּנְקֶן אִיז דָאס מִן הַשָּׁמַיִם, וַוייל עֶר דַארְף דָא פַארְרֶעכְטְן עֶפֶּעס אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז פַארְהַאן פּוּנְקְט אִין דִי עֶסְן אָדֶער טְרוּנְקֶן.

[7] אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אִינְזִין הֶעכֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וֶוען עֶר עֶסְט, אָבֶער בְּפַשְׁטוּת עֶסְט מֶען אַז מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, פִּירְט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אִים אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ, און אַז עֶר דַארְף עֶסְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סב): **לְעֵת הָאֹכֶל גְּשִׁי הֲלֹם** - בְּשָׁעַתְ׳ן עֶסְן וֶוערְט אַ ׳יִחוּד׳ צְוִוישְׁן קוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אַז אִין דִי עֶסְן אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה, און עֶסְט לַאנְגְזַאם, וֶוערְט עֶר בַּיים עֶסְן דַוְקָא זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ח.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט גֶעלְט, אַוַודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעלְט, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן א): דָאס בְּרוּמֶען פוּן אַ אֵייזְל אִיז אַקֶעגְן ׳תַּאֲוַות מָמוֹן׳ (עַיֵּין בְּרָכוֹת דַף ג ע״א); וַוייל בַּיי אַ אֵייזְל זֶעהְט מֶען וִוי עֶר מַאכְט זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיפְן גַאס אָן קַיין בּוּשָׁה, אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע אִינְגַאנְצְן, און עֶר וֶועט פַאר דִיר טוּהְן וָואס דוּ ווִילְסְט,

אֲפִילוּ זאַכן וואָס איז פָּשׁוּט אַ בּוּשָׁה, און עס האָט נישט קיין שום זינען.

דערפֿאַר זאָגט דער הייליגער רבּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יא): אֲפִילוּ איינער דאַרף אַרבּעטן, אָבּער אויבּ איז ער זוֹכֶה צו אַ ריינעם מֹחַ און צו תִּיקוּן הַבְּרִית, און ער ווייסט אַז אַלעס איז דער אייבּערשטער, דעמאָלטס איז די אַרבּעט בּיי אים לעכטיגקייטן, אַזוי ווי די ׳ל״ט מְלָאכֶת הַמִּשְׁכָּן׳ וואָס דאָרט האָט מען אויך געאַרבּעט צאַמצושטעלן די מִשְׁכָּן, אָבּער אַז ער ווייסט דאָס נישט, איז בּיי אים די אַרבּעט ׳ל״ט מַלְקוֹת׳.

דאָס קען מען זעהן בְּחוּשׁ בּיי מענטשן וואָס עס האָט זיך זיי אַזוי געפֿירט פֿון הימל אַז זיי מוזן אַרבּעטן, ווי איינער איז שטענדיג צוּבּראָכן און צוקלאַפּט: וואָס טוה איך דאָ? פֿאַרוואָס דאַרף איך דאָ אַרבּעטן? און ער פֿילט זיך אָנגעשמיסן מיט ל״ט מַלְקוֹת. נאָכדעם איז דאָ איינער וואָס איז מָלֵא שִׂמְחָה: בָּרוּךְ הַשֵּׁם איך קען דאָ אויך טרעפֿן דעם בּאַשעפֿער! אַז איך טרעף נאָך אַ איד רעד איך מיט

אים פון בּאַשעפֿער. ווייל אַז מען פֿאַרליִרט זיך נישט, ווערט פון די אַרבּעט די ל״ט מלאכות וואס זענען געווען בּיים משכּן.

דערפֿאַר איז כּדאי צו האָבּן אַן אַרבּעט וואס די מויל זאָל בּלייבּן פֿריי, אַזוי קען מען שטענדיג רעדן צום בּאַשעפֿער, אָדער אַפילו איינער וואס איז אַ מלמד, און ער דאַרף נוצן די מויל, רעדט ער דאָך מיט די קינדער פון בּאַשעפֿער, און אַז איינער האָט אַ סטאָר, ווען עס קומט אַריין אַ מענטש, געבּ אים אַ שמייכל און זאָג אים אַ גוט וואָרט, האָסטו געטוהן די גרעסטע מצוה.

עס איז אַמאָל געווען אַ שוסטער, ווי דער סדר פֿלעגט צו זיין דעמאָלט, פֿלעגן זיך דאָרט אַריינזעצן אַלטע מענטשן וכו׳, אויסשמועסן און קוקן ווי אַזוי דער שוסטער קלאַפּט מיט די נעגלעך, אָבּער ער איז געווען אַ פֿריילעכער איד, האָט ער געמאַכט ווערטלעך און משמח געווען יעדן וואס איז אַריינגעקומען.

אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס מוּז שְׁטֵיין אִין סְטָאר אַכְט - צֶען שָׁעָה, קֶען עֶר יֶעדְן וָואס קוּמְט אַרַיין אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים אוּן פְרֶעגְן: וָואס מַאכְט אִיר ר׳ מֹשֶׁה? יֶענֶער וֶועט שׁוֹין עֶנְטְפֶערְן: פְרֶעגְט נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַזַא פְּרָאבְּלֶעם! זָאג אִים: מֹשֶׁה! מַאכְט אַייךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן. מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער, אָדֶער דָאס גְלַייכְן, הָאסְטוּ אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אוּן מְקַיֵים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (בְּרָכוֹת יז ע״א): **רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי** הָאט שְׁטֶענְדִיג מַקְדִים גֶעוֶוען שָׁלוֹם אֲפִילוּ פַאר אַ גוֹי אִין מַארְק!

## ט.

נָאכְדֶעם 'תַּאֲוַת נִיאוּף' וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְשׁוּגָע דֶערוֹיף רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): **וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה**; אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם שֵׂכֶל מִמֵילָא קוּקְט עֶר אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי, וָואס דָאס פַארְדֶעקְט אִים נָאךְ מֶער דִי שֵׂכֶל, בִּיז

עֶר פַארְגֶעסְט רַחֲמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּב אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָא אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאט עֶר אַ רֵיינֶעם מֹחַ, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רסג): דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת אִין דֶער וֶועלְט אַז אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זָאל וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דָארְט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס אַזוֹי אַרוּם כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם יוּנְגֶערְמַאן אִין זַיין נֶעץ; וַוייל אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ בַּאצָאלְט מֶען דֶערְפַאר טַייעֶר.

אָבֶער אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף זֵייעֶר טַייעֶר הַאלְטְן אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִיר מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְּן (עַיֵּין שָׁם סִימָן רסד), אוּן אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן דִי

גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב). דֶערְפַאר דַארְף אַ יוּנְגֶערְמַאן גוּט וִויסְן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ, אוּן אַנְשְׁטָאטְס צוּ פְּלוֹישְׁן אַזוֹיפִיל צַייט מִיט אֵיינֶעם וָואס עֶר דַארְף צוּ הֵייסְן דַיין חַבֶר, וָואס נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט וֶועט עֶר דִיךְ גֶעבְּן אַזַא שְׁטוֹיס אַוֶועק, אוּן פַאר דִי וַוייבּ זָאגְסְטוּ: נוּ נוּ! [כְּאִלוּ עֶר אִיז יֶעצְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אָדֶער עֶר הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען אָדֶער לֶערְנֶען...], זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ פַאר דַיין חַבֶר זָאגְן: נוּ נוּ! אוּן מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, אוּן רֶעדְן מִיט אִיר!

אוּן דָאס וָואס חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת א, ה): **אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה וְכוּ'**. מֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, זָאלְסְט אִיר נִישְׁט סֶעקִירְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ: פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעקֶערְט דִי שְׁטוּבּ? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטוּהְן דָאס אוּן דָאס וְכוּ'?! אָבֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיר אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ רֶעדְן מִיט אִיר. דִי

גְמָרָא זָאגְט (עֵירוּבִין דַף ק ע״ב): אֲפִילוּ מִיר וָואלְטְן נִישְׁט גֶעהַאט דִי תּוֹרָה, וָואלְטְן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְלֶערְנֶען 'שָׁלוֹם בַּיִת' פוּן אַ הָאן [תַּרְנְגוֹל], וִוי אַזוֹי עֶר בֶּעט אִיבֶּער דִי הִין, אוּן עֶר זָאגְט אִיר צוּ: אִיךְ וֶועל דִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, זָאג אִיר צוּ שֵׁיינֶע גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי לֶעבְט מֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, אוּן אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת אִיז שׁוֹין דֶער מֹחַ רֵיין, וַוייל עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ קוּקְן אִין גַאס אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן[8].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אוֹיף דִי זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ,

---

[8] דֶערְפַאר וֶוען אַ בָּחוּר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ חֲתוּנָה מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָמוֹת צוּ לֶעבְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, הֵייבְּט זִיךְ אָן זַיין לֶעבְן גָאר אַנְדֶערְשׁ אוּן עֶר וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס לֶעבְן פַארְקְרוּמְט אִיז שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶער נָאכְדֶעם צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַ פַייעֶר וֶוען עֶס בְּרֶענְט שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פַארְלֶעשְׁן, [קוֹדֶם בִּיז דִי גוֹי'אִישֶׁע פַייעֶר לֶעשֶׁער קוּמֶען אָן אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע הוֹיז פַארְבְּרֶענְט], אוּן עַל-פִּי-רוֹב שְׁטֶעלְט זִיךְ שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַיין דֶעמָאלְטְס אַרַיינְצוּגֵיין אִינֶעם פַייעֶר צוּ רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן.

וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל אַזוֹיפִיל בֶּענְדֶער ׳לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת׳; וַוייל דָאס אִיז אַ גַאנְצֶער טִיפֶער לִימוּד ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִינֶעם צוּזַאמְלֶעבְּן.

## י.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער תַּכְלִית פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אִיז צוּ מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּיי יֶעדְן פְּרַט, אוּן אִין דֶער גַאנְצֶער מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין דֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, וֶועגְן דֶעם בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לו; כט): דֶעם זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים דַף פד ע״א), אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס בַּאגְלֵייט מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן עֶס זֶענֶען אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע פְּרוֹיעֶן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי תַּלְמִידִים, אוּן גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ד): **אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים!** גֶעט אַכְטוּנְג, אוּן מַאכְט נִישְׁט פוּן זֵיי קַיין אָפְּגָאט; וַוייל דִי מִינוּט וָואס דוּ מַאכְסְט אַ

מְצִיאוּת פוּן פְּרוֹיעֶן הָאסְטוּ זֵיי דֶעמָאלְטְס גֶעמַאכְט פַאר אַ **עֲבוֹדָה זָרָה**[9].

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם סִימָן לו): **וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן פוּן פְרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן אוּן פוּן אַלֶע נִיאוּף?!** דוּרְכְדֶעם וָואס אַ אִיד זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן קְרִיאַת שְׁמַע: **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל וְכוּ'** (דְבָרִים ו, ד), אוּן **בָּרוּךְ שֵׁם וְכוּ'**, פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת, בִּפְרַט אוֹיבּ וֵויינְט עֶר וֶוען עֶר זָאגְט עֶס, וֶוערְט עֶר פוּן אַלֶעם גֶערַאטֶעוֶועט.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע הֲלָכָה ה, אוֹתִיּוֹת ד-ה), אַז בַּיי דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אִיז מֶען מְגַלֶה דִי אֱמוּנָה, וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אַזוֹי מְסוּגָל, וַוייל וֶוען

---

[9] דִי וֶועלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט גֶעלְט, דִי מִינוּט וָואס דוּ מַאכְסְט אַ מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט אִיז דָאס פָּשׁוּט עֲבוֹדָה זָרָה! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כג): "אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס לִיגְט אִין גֶעלְט", וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קטו, ד): עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב. אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ מַאכְסְט אַ מְצִיאוּת פוּן עֶסְן אִיז דָאס וַוייטֶער עֲבוֹדָה זָרָה.

אַ איד נעמט אין זיך אַריין די אֱמוּנָה, אַז נאר דער באַשעפער איז דא און אויסער אים איז גארנישט דא, דעמאלטס קען ער גיין אויפן גאס און ער זעהט גארנישט נאר דעם באַשעפער! אבער אַז נישט איז דא אַ קְלִיפָּה וואס דאס פאַרדעקט און הרג'עט אַלעס אָפּ[10].

[10] דערפאַר דארף מען זיין אַ שׁוֹטֶה מְקַנֵא צו זיין אַ צווייטן: קוק, ער האט אַזא ווייב! ער האט געלט! ער האט אַזויפיל עסן! דאס ביסטו מְקַנֵא? זיי מְקַנֵא אַן ערליכן איד וואס ער דרייט זיך דא אויף די וועלט און ער שפירט נאר דעם אייבערשטן, נאר אֱלֹקוּת! ווי באַקאַנט האט אין די הַארץ פונעם הייליגן רבי הערשעלע זידיטשוֹבער בַּעַל עֲטֶרֶת צְבִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁלוֹ י"א תַּמּוּז] אַזוי געברענט דעם אייבערשטענס ליכטיגקייט און 'קְדוּשַׁת הַשַׁבָּת', אַז שוין פון 'לֵיל שִׁשִּׁי' האט ער נישט דערקענט קיין מענטשן, דאס איז אַ תַּאֲוָה צוקומען צו דעם, דאס איז מְקַנֵא צו זיין! פאַרוואס זאל איך נישט אויך קענען זיין ווי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי ווי דער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, שטענדיג שפירן די לעכטיגקייט פונעם אייבערשטן?! אַזוי ווי דער הייליגער רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה האט אַמאל געזאָגט: רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי און דער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ און אַלע גרויסע צַדִּיקִים, זענען דאך אויך געבוירן געווארן פון עלטערן 'בָּשָׂר וָדָם', און זיי זענען אויך געווען אַ קליין יונגל אין חֵדֶר, און אַזוי ווייטער, דאך קוק וואס זיי זענען אויסגעוואקסן!

ווייל בֶּאֱמֶת קען יעדער איד אָנקומען צו דעם, אַזוי ווי דער הייליגער רבי איז מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): אַז אַ מענטש ריינִיגט זיך אויס די אויגן, אויערן, מויל, נאָז, וואס די פיר זאכן זענען באַהאַפטן צום מֹחַ, און ער באַקומט אַ ריינעם מֹחַ, איז דער גאַנצער מענטש אַן אַנדערער מענטש, ווייל אַלעס גייט לויטן מֹחַ, און פון וואס

## יא.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): וִויבַּאלְד יֶעדֶע אִיד הָאט אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִים נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אַז אִיךְ זָאג אִים מוּסָר הָאבּ אִיךְ אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן פוּן אוֹיבְן, וַוייל גֶענוּג וָואס דֶער מֶענְטְש פַאר זִיךְ אַלֵיין טְרַאכְט שׁוֹין: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! אִיךְ בִּין אַזַא מְגוּשֶׁמְ'דִיגֶער מֶענְטְש! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּהְן אַזַאלֶעכֶע שְׁמוּץ! אוּן אַז דוּ זָאגְסְט אִים נָאךְ אוֹיךְ צוּ מוּסָר, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, לָאזְט עֶר טַאקֶע אַלֶעס אָפּ.

---

דֶער מֶענְטְש טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְש, מִמֵילָא אַז זַיין מֹחַ אִיז רֵיין, רֶעדְט עֶר שׁוֹין - זֶעהְט עֶר שׁוֹין - אוּן הֶערְט עֶר שׁוֹין - נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער גַאנְץ לֶעבְּן גֵייט שׁוֹין אַנְדֶערְש.

וַוייל פוּן וואוּ קוּמְט דָאס אַז אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפַאלְן?! נָאר פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם פָאלְק, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא הָעֵגֶל אַז מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַ 'בָּאק' אוּן גֶעטַאנְצְן אַרוּם אִים[11].

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): "אַ מַנְהִיג הֵייסְט וֶוער עֶס קֶען מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אִין מִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֵיינֶעם קְלָארְן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער בִּיז אִיךְ זָאל יֶעדֶע זַאךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער"; אָבֶער מֶען דַארְף אַסַאךְ זוּכְן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ

---

[11] בִּשְׁעַת דוּ קֶענְסְט דָאךְ זֶעהְן אָפֶען, וָואס הָאסְטוּ פוּן אִים? עֶר הָאט דִיךְ דֶען צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער? עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט כָאטְשׁ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אַז בִּיז פְרַייטִיג זָאלְסְטוּ דָאס עֶנְדִיגְן (עַיֵין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן רפה, סָעִיף ג)? הָאט עֶר דִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת? דוּ זָאלְסְט אַמָאל עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה? דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס? אוֹיבּ יָא, אִיז עֶר אַן אֱמֶת'ער מַנְהִיג, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּ אִים צוּקְלֶעבְּן, אָבֶער אוֹיבּ נִישְׁט, אוּן דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט פוּן אִים, אִיז דָאס דָאךְ סְתַּם אַ עֵגֶל [בָּאק] וָואס מֶען טַאנְצְט אַרוּם דֶעם, אוּן מֶען מַאכְט לֶעמְפֶּעלֶעךְ וְכוּ', אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ נָאךְ אַרוּם אִיבֶּערְדֶעם: מַיין עֵגֶל אִיז אַסַאךְ גְרֶעסֶער וִוי דַיין עֵגֶל וְכוּ'...

טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן מַנְהִיג וָואס קֶען מִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְקְלָארְן דִי אֱמוּנָה, אוּן מִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג נָאר תְּפִלָּה טוּהְן; אָבֶּער דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע שְׁלֵימוּת, וָואס נָאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אוֹיפְמַאכְן יֶעדֶענְס מוֹיל עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער"! וַוייל דִי שְׁוֶוערְד פוּן מָשִׁיחַ אִיז תְּפִלָּה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פג): פַארְוָואס הֵייסְט עֶר 'מָשִׁיחַ'? וַוייל דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן: מֵשִׂיחַ אִלְּמִים - עֶר מַאכְט רֶעדְן אַלֶע שְׁטִימֶע, וָואס הָאבְּן בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן אַזוֹי וִוי שְׁטִים.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס, אוֹת ח), דָאס וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (עַיֵּין תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, ב): סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר; אַז אֵיינֶער אִיז אַ

טוֹיבֶּער אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם בַאשֶׁעפֶער. דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים יט, ד): **אֵין אוֹמֵר וְאֵין דְבָרִים בְּלִי נִשְׁמַע קוֹלָם;** פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וַוייל עֶר הֶערְט נִישְׁט דִי קוֹל פוּנֶעם צַדִיק.

בֶּאֱמֶת אוֹיבּ אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זָאגְט: גֶעבּ אַ קוּק עֶר רֶעדְט צוּם וַואנְט! אִיז דָאס כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת!!! וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָנִים סב; קנה): "בֶּאֱמֶת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר בַּיי אִים לָאזְט עֶר זִיךְ נָאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט טְרוֹיעֶרִיג". וַוייל **אֱמוּנָה** מִיט **תְּפִלָּה** אִיז אֵיין זַאךְ! אַזוֹי וִוי דֶער **תַּרְגוּם** אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת יז, יב): **וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה** – **זַיין הֶענְט אִיז גֶעוֶוען**

מִיט אֱמוּנָה; אַז דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָנִים ז; ט).

## יב.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רסו, עַיֵין בְּהַשְׁמָטוֹת בְּסוֹפוֹ, עַל זֶה): וָואס אִיז דִי חִילוּק צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ? אַז בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה, אָבֶּער בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה; וַוייל עֶר וֶועט מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען מִיט אַזַא מִין גִילוּי, אוּן אַזוֹי אָפֶּען, אַז מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן, נִישְׁט קַיין סֶעקְרֶעטֶערִיסְט, נִישְׁט קַיין דָאקְטֶער, נִישְׁט קַיין חַבֵר, וַוייל אִיךְ הָאבּ דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס מִיט אִים רֶעד אִיךְ זִיךְ אַלֶעס אוֹיס, אוּן מִיט אִים גֵיי אִיךְ שְׁפַּאצִירְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִקְרָא כו, יב): **וְהִתְהַלַכְתִּי בְּתוֹכְכֶם** - אִיךְ וֶועל גֵיין צְוִוישְׁן עֶנְק. זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **אֲטַייל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאֶחָד מִכֶּם** - עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס אִיךְ וֶועל שְׁפַּאצִירְן מִיט עֶנְק,

אַזוי ווי אײנער פון ענק. ווייל אַז אַ מענטש רעדט צום באַשעפער איז ער שוין קיינמאָל נישט אַליין.

קומט אויס אַז די העכסטע זאַך אויף דער וועלט איז צו רעדן צום באַשעפער, אָבער ווילאַנג אַ מענטש מיינט אַז איך האָב איינעם, איז ער אין אַ גרויסן גלות! ווייל עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ חבר, אַזוי ווי מען זעהט, אַז דער בעסטער חבר איז דער ערשטער דיר צו באַגראָבן ווען עס קומט אים בעסער אויס אַזוי, אַוודאי מען קען אַמאָל הערן פון אַ חבר גוטע זאכן, אָבער דאָך דאַרף מען וויסן זיך גוט צו היטן, ער זאל מיט מיר נישט זיין צופּיל, און אים גאָרנישט געטרויען, ווייל ער וועט דאָך מיר נאָכדעם באַגראָבן מיט געלט און דאָס גלייכן, אַזוי ווי עס פּאַסירט ליידער זייער אָפט.

אָבער אַ מענטש וואָס ווייסט אַז איך האָב נאָר דעם באַשעפער דער לעבט שוין דאָ אויף דער וועלט אין גן עדן, און ביי אים איז שוין נישט קיין חילוק צו ער איז נאָך דאָ, אָדער מען האָט אים שוין געלייגט אין בית החיים, ווייל

נָאר דֶער גוּף לֵייגְט מֶען וואוּ מֶען לֵייגְט עֶס, אָבֶער פוּן דִי נְשָׁמָה אוֹיס בְּלַייבְּט אַלֶעס שְׁטֶענְדִיג דִי זֶעלְבֶּע, נָאר יֶעצְט אִיז דִי נְשָׁמָה דָא, אוּן יֶעצְט וֶועט דִי נְשָׁמָה זַיין אוֹיבְן, מִמֵּילָא וָואס גֵייט מִיר בִּכְלַל אָן וואוּ דֶער גוּף אִיז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא).

אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט דָאס אִין זִיךְ אַרַיין דֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ מֶען דֶערְקֶענְט עֶס נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיפְן פָּנִים, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר גִיסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אוֹיךְ.

אוּן נָאר דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע מוּסָר, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דַיין טַאטֶע, וָואס אַ טַאטֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ זוּהְן, אֲפִילוּ דִי זוּהְן הָאט גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, דֶערְפַאר קֶענְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, אוּן עֶר וֶועט דִיר אַלֶעס אוֹיסְהֶערְן, דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן.

## יג.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): מֶען דַארְף אַלְץ זֶעהְן גְרֶעסֶער צוּ מַאכְן אוּן פַארְמֶערְן נָאךְ שְׁכֵנִים צוּם 'בֵּית הַתְּפִלָּה'; דָאס הֵייסְט אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וָואס גְרֶעסֶער עֶס וֶוערְט דֶער הֵיילִיגֶער קִיבּוּץ פוּן אִידְן וָואס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִינְאֵיינֶעם צוּם צַדִיק, אַלְץ אוֹיסְטֶערְלִישׁ גְרֶעסֶער וֶוערְט דֶער 'בֵּית הַתְּפִלָּה', דָאס אַז אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעגְרוֹיסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען[12]; וַוייל יֶעדֶער אִיד וָואס רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז עֶר גוֹרֵם

[12] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן מג), דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן מִיט נוּמֶערְן וָואס מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט צֵיילְן, וִויפִיל אוֹיסְטֶערְלִישׁ מֶער עֶס וֶוערְט פַארְגְרֶעסֶערְט דִי בָּתִּים פוּן תְּפִלָּה, אוּן וִויפִיל יְחוּדִים עֶס וֶוערְט, מִיט נָאךְ אֵיין אִיד מֶער וָואס מֶען אִיז מְקַרֵב אוּן מֶען מַאכְט אִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפוּן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן (עַיֵּין שָׁם בִּפְנִים).

אַזאלֶעכֶע שַׁעֲשׁוּעִים און פַארְגֶעניגְן אִין הִימְל וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה).

יד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכט): אַמָאל פַאר עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּאשְׁטִימְטֶער סֵדֶר פוּן דַאוֶוענֶען, פְלֶעגְט זַיין דֶער עִיקָר תְּפִלָּה, אַז אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאט עֶר דָאס גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי 'אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה' [עֶזְרָא און זַיין בֵּית-דִין] הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ לַאנְגֶער גָלוּת, און מֶען וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִלָּה, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי דְרֵייא תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, כְּדֵי דוּרְכְדֶעם זָאל זִיךְ הַאלְטְן דָאס אִידִישְׁקֵייט, און עֶס זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה[13] (כַּמְּבֹאָר הֵיטֵב

[13] אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דִי דְרֵייא תְּפִלּוֹת וָואס אַ אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ דַאוֶוענֶען, מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן 'וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם' וָואס דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה (תַּעֲנִית ב, ע"א), דָאס הַאלְט דֶעם אִיד, וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי וֵוייסְט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: "אִיךְ דַארְף גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית", אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶסְן ווילַאנְג אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט. דִי זֶעלְבֶּע

בְּרַמְבַּ״ם תְּחִלַּת הִלְכוֹת תְּפִלָּה); **דֶערְפַאר - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס - אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען מִיר דַאוֶוענֶען שׁוֹין יָא לוֹיט דִי סֵדֶר הַתְּפִלָּה, דָאךְ אִיז נָאךְ יֶעצְט אוֹיךְ דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.**

**חַזַ״ל זָאגְן** (עַיֵּין זֹהַר מִקֵּץ, דַף קצט ע״ב)**: רֶבִּי יֵיסָא סַבָּא הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶסְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיפְן טִישׁ, און דִי רֶעבֶּעצִין הָאט אִים גֶעזָאגְט: קוּם עֶסְן. דָאךְ הָאט עֶר נָאךְ גֶעזָאגְט: אֵיין מִינוּט! קוֹדֶם דַארְף אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן צוּ עֶסְן,**

---

זַאךְ בַּיי 'מִנְחָה' כָּאטְשִׁיג עֶר אִיז אַזוֹי פַּארְנוּמֶען און עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן דִי בִּיזְנֶעס [בִּפְרַט אִין דִי קוּרְצֶע ווינְטֶער טֶעג], דָאךְ וֵוייסְט עֶר אַז עֶר דַארְף אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן און זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה, און דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע דִי תְּפִלָּה פון מִנְחָה אַזוֹי מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס (עַיֵּין בְּרָכוֹת דַף ו ע״ב), אַזוֹי אוֹיךְ בַּיינַאכְט וֵוייסְט אַ אִיד דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ עֶר דַארְף דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ד ע״ב): פַארְוָואס אִיז מַעֲרִיב אַזוֹי הַארְבּ אַז מֶען אִיז דֶערוֹיף חַיָּיב מִיתָה? כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן - וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים נָאכְן אַרְבֶּעט - קוֹדֶם וֶועל אִיךְ עֶסְן עֶפֶּעס, שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, בִּיזְדֶערְוַוייל פַארְשְׁלָאפְט עֶר אַזוֹי אַ גַאנְצֶע נַאכְט, און עֶר הָאט פַארְפַאסְט מַעֲרִיב.

הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ וֶועט דִי עֶסְן זַיין מַיינְס, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס קֶענֶען עֶסְן.

## טו.

אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם דָאס זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אוֹיךְ! וַוייל פַארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת? וִויבַּאלְד דָאס קוּקְט אִים אוֹיס וִוי אַ בַּארְג!

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), דָאס וָואס חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ד ע"ב): **עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן** הָאט גֶעזָאגְט: **מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי** – וִוי גְרוֹיס אִיז דִי אִידִישֶׁע מַחֲנֶה אִין מִדְבָּר? דְרֵיי פַּרְסָאוֹת, וֶועל אִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אַ בַּארְג וָואס אִיז אוֹיךְ גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָאוֹת, אוּן דָאס אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי דֶערְשְׁטִיקְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, אַז וֶוען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶעם בַּארְג הֶעכֶער זַיין קָאפּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען וֶוערִים אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, אוּן דֶער בַּארְג אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן בִּיז

צוּ זַיין הַאלְז, וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט אַרוֹיסְצִיעֶן זֶענֶען אִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צְוֵויי צֵיינֶער אוּן זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן פוּנֶעם בַּארְג, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן, דֶעמָאלְטְס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֶעקוּמֶען מִיט אַ הַאק אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ הַאק בַּיים קֶנֶעכְל, אַזוֹי אִיז עֶר אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוּן גֶעוָוארְן בַּאגְרָאבְּן אוּנְטֶערְן בַּארְג.

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה פַארְצֵיילְט נִישְׁט סְתָּם קַיין מַעֲשִׂיוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּהַעֲלוֹתְךָ קנ"ב ע"א): **תִּפַּח רוּחֵיה וְכוּ' - פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין** דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז סְתָּם סִיפּוּרִים. אוֹיבּ אַזוֹי וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דֶעם אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט פוּן עוֹג, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגֶ'עט?!

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): דִי דְרֵיי פַּרְסָאוֹת גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, וָואס אַ אִיד דַארְף דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג: צוּפְרִי שַׁחֲרִית, נָאכְמִיטָאג [אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט] מִנְחָה, אוּן בַּיינַאכְט מַעֲרִיב, וָואס דָאס אִיז דֶער 'מַחֲנֶה

ישׂראל׳ וואָס האַלט אַ איד אין די ראַמען פֿון אידישקייט; ווייל ווי אַזוי לאָזט מען אָפּ אידישקייט? ווען עס ווערט בּיליג בּיי אַ מענטש דאָס דאַווענען די דריי תּפֿילות, למשל בּיי מעריב טראַכט ער: איך וועל מיך יעצט לייגן שלאָפֿן, און מאָרגן בּיי שחרית וועל איך שוין דאַווענען צוויי שמונה עשׂרה׳ס. אָדער בּיי מנחה טראַכט ער: איך בּין יעצט זייער פֿאַרנומען מיט קאָסטומערס, אָדער איינער טראַכט: עס איז יעצט אינמיטן כּולל וכו׳.

נאָכדעם הייבּט ער אויך אָן צו שניידן פֿונעם דאַווענען, למשל בּיי שחרית טראַכט ער: איך דאַרף עפּעס דאַווענען פֿון ׳אדון עולם׳ בּיז ׳עלינו׳?! עס איז גענוג אַז איך וועל נאָר זאָגן ׳בּרוך שאָמר׳, ׳קריאַת שמע׳ און ׳שמונה עשׂרה׳. בּיי מנחה טראַכט ער: איך מוז עפּעס דווקא זאָגן קרבּנות?! בּיי מעריב ציפּט ער אויך אַראָפּ וכו׳, און אַזוי לאָזט מען צובּיסלעך אָפּ דאָס דאַווענען, וואָס דורכדעם הייבּט מען אָן אַוועקגיין פֿון אידישקייט. ווייל נאָר דורך אַריינגיין אין

בּית המדרש דאַוועט די דריי תּפילות יעדן טאָג, בּלייבּט מען אַ איד!

דער מדרש זאָגט (ילקוט בּלק, רמז תשעא): פּונקט אַזוי ווי איינער וואָס איז טמא און ער גייט אַריין אין וואַסער זיך טובל'ן קומט ער אַרויס טהור, די זעלבּע זאַך אַ מענטש וואָס איז פול מיט עבירות און ער גייט אַריין אין בּית המדרש, גייט ער אַרויס פול מיט מצוות, ער ענטפערט: 'אָמן יהא שמיה רבּה', זאָגט 'קדושה' און 'בּרכו' וכו'; וואָס דאָס איז זייער חשוב אין הימל, אַפילו ער האָט געטראַכט פון וואָס ער האָט געטראַכט, דערפאַר דאַרף מען שטענדיג גיין אין שוהל.

דאָס איז געווען די עצה פון עוג מיט דעם וואָס ער האָט געבּרענגט אַ 'בּאַרג' פון דריי פּרסאות, ער האָט געוואָלט אויסרייסן אַז מען זאָל נישט דאַוונען די דריי תּפילות, מען זאָל דאָס שפּירן ווי אַ שווערן בּאַרג: שחרית - עס איז דאָך אַזוי לאַנג! מנחה - איך בּין דאָך אַזוי פאַרנומען! מעריב - איך בּין אַזוי מיד! און אַזוי האָט ער שווער געמאַכט דאָס

דאַווענען און אַריינגעבּרענגט אַלע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, דערפאַר האָט משֶׁה רַבֵּנוּ מִלְחָמָה געהאַלטן מיט אים, און אים אַראָפּ געקנאַקט, און אַריינגעבּרענגט אין אידן אַ זיסקייט און אַ חַיוּת אינעם דאַווענען.

ווייל דער עִיקָר שְׁלֵימוּת פון דאַווענען איז, מען זאָל אינזין האָבּן פָּשׁוּט די ווערטער וואָס מען זאָגט אַרויס, לְמָשָׁל, ווען דו זאָגסט: **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת**; האָבּ אינזין פָּשׁוּט, אַז דו בעטסט יעצט דעם בּאַשעפער: דו געבּסט פאַר יעדן איינעם דַעַת, בעט איך דיר בּאַשעפער, געבּ מיר אויך שֵׂכֶל. און אַזוֹי ווייטער: **הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ וְכוּ'** – קער אונז צוריק טאַטע צו דיין תּוֹרָה, און בּרענג אונז נענטער ליבּ צו האָבּן צו דאַווענען, [וואָס דורכדעם]: **וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ** – וועלן מיר זוֹכֶה זיין צו תְּשׁוּבָה טוהן פאַר דיר אינגאַנצן. און אַזוֹי ווען מען זאָגט: **בָּרוּךְ אַתָּה הֲוָיָ"ה**; דאַרף מען אינזין האָבּן, אַז איך רעד יעצט צום בּאַשעפער, און איך זאָג אים: געלויבּט בּיסטו הייליגער בּאַשעפער.

אײנער איז אַמאָל געקומען צום הײליגן רבּי׳ן און אים געפרעגט: וואָס זאָל איך אינזין האָבּן ווען איך זאָג דעם שם, און איך דערמאַן דעם אײבּערשטענס נאָמען? (עַיֵין שולְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים, סִימָן ה), האָט אים דער הײליגער רבּי געזאָגט: און פּשוט אינזין האָבּן ׳גאָט׳, איז נישט גענוג?! ווײל בּלויז מיטן אַרויסזאָגן דעם אײבּערשטענס נאָמען דאַרפן שוין ציטערן די הענט און די פיס און אַלע בּײנער און גלידער; אַזוי אויך האָט דער הײליגער רבּי נתן זכרונו לברכה אַמאָל געהערט ווי דער הײליגער רבּי הײבּט אָן אַרויס צו זאָגן דעם אײבּערשטענס נאָמען מיט אַ מורא׳דיגע אֵימה און יִרְאָה: גאָ.. גאָ.. גאָ-אָט! ? אַזוי ווי אײנער וואָס ציטערט און קען נישט אַרויסזאָגן גלײך די גאַנצע וואָרט, נאָר הערשט נאָכדעם געלונגט עס אים אינגאַנצן אַרויס צו זאָגן, ווײל דער הײליגער רבּי האָט אין אונז געוואָלט אַרײנלײגן די קלאָרע אמונה אַז דער בּאַשעפער איז דאָ און איבּעראַל, וואָס אין דעם ליגט שוין די גרעסטע כַּוָנָה, און פון דעם אַלײן פאַלט שוין אויפן מענטש דער גרעסטע יִרְאָה (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תיד).

## טז.

אָבּער דאָס צו בּאַווייזן, אינזין צו האָבּן וואָס מען זאָגט איז די שווערסטע זאַך, ווייל אַלע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת קומען אָן דַוְקָא בּיים דאַווענען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל), און וועגן דעם נעמט אויך דאָס דאַווענען אַזוֹי לאַנג, ווייל די מויל זאָגט איין זאַך, אָבּער דער מֹחַ טראַכט גאָר עפּעס אַנדערש, און וויבּאַלד דאָס איז אָפּגעטיילט, געדויערט אים לאַנג דאָס דאַווענען.

בּיים הייליגן אֲרִ"י [וואָס ער האָט אַוודאי אַלעס אינזין געהאַט] האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ער האָט שוין געענדיגט די 'שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה', אָבּער דער חַזָן האָלט נאָך אַלץ אינמיטן דאַווענען, ווען דער חַזָן האָט שוין געענדיגט אויסגעטרעטן, פרעגט אים דער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ: נוּ, האָסט שוין איינגעהאַנדעלט אַ גוטן זאָטל פאַרן אייזל? ווייל אַ גאַנצן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה איז ער געווען פאַרנומען וואו ער קען שאַפן אַ גוטן זאָטל פאַרן אייזל, און דערפאַר האָט אים די שְׁמוֹנֶה

עֶשְׂרֵה גֶענוּמֶען אַזוֹי לַאנְג, אָבֶּער דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט גְלַייךְ גֶעוְוּיסְט וָואס דֶער חַזָן הָאט אַזוֹיפִיל אִינְזִין... !

אוּן אַז מֶען זָאל זִיךְ גוּט אַרַיינְקְלֶערְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט רֵיין פוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, יֶעדֶער קֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצַייגְן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וַוייל צוּ אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען, דַארְף מֶען הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע כֹּחוֹת[14], אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז מֶען הָאט אִינְזִין גֵייט דָאס דַאוֶונֶען גֶעשְׁמִירְט[15]. אוּן דָאס אִיז דִי

[14] אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אוֹיף 'תְּפִלָּה בְּכֹחַ' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מח; חֵלֶק ב, סִימָן פד; שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן סו; עה; קכא), נִישְׁט אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן, אָדֶער זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן וַוארְפְן, דָאס הֶעלְפְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת, וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וַוארְפְן זִיךְ אוֹיךְ מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן עב).

[15] אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נִישְׁט נָאר מִיטְן דַאוֶוענֶען, וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ, אוּן זָאגְט אַזוֹי שְׁטָאט אוּן לַאנְגְזַאם: אַתָּה... חוֹנֵן... לְאָדָם... נָאר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן פְּרַט אוּן פְּרַט, וִוי מֶען קֶען נַארְן מֶענְטְשְׁן, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אֵיינֶער לֶערְנְט פָאר שְׁטַאט, אוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען זָאגְן אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע זָאגְט עֶר לַאנְג אוּן שְׁטַאטֶעלֶעךְ וְכוּ', בְּשַׁעַת קֶענְסְט דָאךְ גְלַייךְ זָאגְן וָואס עֶס אִיז דָא צוּ זָאגְן, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס זֵייעֶר לִיבּ, אָדֶער קֶען מֶען אַמָאל זֶעהְן וִוי צְוֵויי אִידְן זֶעצְן זִיךְ לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא לַאנְגְזַאם, פַארְטַייטְשְׁנְדִיג יֶעדֶעס וָוארְט

# נ  דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַאַרְלוֹירְן

בַּאזוּנְדֶער, לְמָשָׁל מֶען לֶערְנְט דִי מִשְׁנָה פוּן (בֵּיצָה כג ע״ב): אֵין צָדִין דָּגִים מִן הַבִּיבָרִין בְּיוֹם טוֹב – מֶען טָאר נִישְׁט ׳יוֹם טוֹב׳ פַאנְגְן פִּישׁ פוּן דִי וַואסֶער גְרוּבְּן; הֵייבְּט עֶר אָן: אֵין - נִישְׁט, צָדִין – פַאנְגְן, דָּגִים – פִּישְׁן... ! פְּלוּצְלִינְג, אָהָ! עֶס אִיז שׁוֹין צְוֶועלֶעף אַזֵייגֶער, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין עֶסְן מִיטָאג. וָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֶק? אַז דוּ זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ לֶערְנֶען, לֶערְן נָארְמַאל מִיט חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת.

בִּפְרַט וֶוערְן מֶענְטְשְׁן פַארְנַארְט וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט ׳קַבָּלָה׳, וַוייל מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, מִמֵּילָא וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען: הָא, עֶר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער מְקוּבָּל! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סד): וֶוען אַ אַפִּיקוֹרֶס רֶעדְט רַחֲמָנָא לִצְלָן קַשְׁיוֹת אוּן חֲקִירוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל עֶס גֵייט אַרַיין אִין קָאפּ סְפֵיקוֹת, כָאטְשִׁיג דִי אַלֶע חֲקִירוֹת אוּן קַשְׁיוֹת הֵייבְּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָן, נָאר אוּנְזֶער מֹחַ אִיז צוּ קְלֵיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, גֶעט דָאס דִי רֶבִּי צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַ גַאנְצֶער פִּלְפּוּל, אוּן רוֹב מֶענְטְשְׁן שָׁאקְלֶען מִיטְן קָאפּ, אַהַא, אַהַא! בִּשְׁעַת דִי רֶגַע וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין אַ אֱמֶתֶ׳ער לַמְדָן, זֶעהְט עֶר גְלַייךְ אַז דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, אוּן דִי תֵּירוּץ אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ.

אִין סֵפֶר ׳אֵלֶּה הַמִּצְוֹת׳ [מֵהַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ רֶבִּי מֹשֶׁה חַאגִיז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ] שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן, אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער, וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר קֶען גַאנְץ זֹהַר אוֹיסֶעוֶוענִיג, זָאגְן אַ דְרָשָׁה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶע זֶענֶען גֶעלָאפְן אִין שׁוּהְל אַרַיין הֶערְן זַיין דְרָשָׁה, זָאגְט עֶר וַוייטֶער: אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן פוּן אוּנְטְן אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז יֶענֶער הָאט זִיךְ פָּשׁוּט אַיינְגֶע׳חַזֶר׳ט אֵיין מַאֲמַר פוּן זֹהַר אוּן דָאס הָאט עֶר אַגַאנְצֶע צַייט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי אָנְהֵייבּ, נָאכְדֶעם פוּן אִינְמִיטְן, נָאכְדֶעם צוּרִיק צוּ וֶועגְס, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדֶע מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, פוּן דֶעם אֵיינֶעם מַאֲמַר אִין זֹהַר. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִים פַארְשְׁרִיגְן: דוּ פָּאפֶּער, דוּ לִיגֶענֶער וָואס דוּ בִּיסְט! אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט דֶעם

אַרְבֶּעט פוּנֶעם צַדִיק אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים, מִמֵילָא וֶועט מֶען שׁוֹין קֶענֶען אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען דַאוֶוענְט צוּ אִים, אוּן דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עוֹג אוּן אִים בַּאזִיגְט.

יז.

דֶערְפַאר וֶוען בָּלָק הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן עוֹג, אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי כֹּחַ פוּן 'תְּפִלָּה' בַּיי אִידְן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז מִיט דִי מוֹיל, הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט בִּלְעָם וָואס זַיין כֹּחַ אִיז אוֹיךְ מִיט דִי 'מוֹיל', אוּן

---

גַאנְצְן עוֹלָם פוּן זַיין הַשְׁפָּעָה. וַוייל אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט דִי תַּלְמִידִים פוּן שַׁבְּתַי צְבִי יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם אוּן גֶעוָואלְט פַארְנַארְן דֶעם עוֹלָם. אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט 'הִתְבּוֹדְדוּת' וֶוערְט אִים דִי מֹחַ קְלָאר, אוּן אוֹיף אִים קֶען מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

צוּ דֶעם אִיז עֶר נָאךְ אֵיין שְׁטִיק **נִיאוּף**, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶערִיטְן מִיט אַ אֵייזְל, (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י בַּמִּדְבָּר כב, ל; עַל פִּי חֲזַ״ל עֲבוֹדָה זָרָה ד׳ ע״ב); און אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט סוֹף סִדְרָה (בַּמִּדְבָּר כ״ד, י״ד) אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר בָּלָק דִי טָמֵא׳נֶע עֵצָה מַכְשִׁיל צוּ זַיין דִי אִידְן מִיט שְׁמוּץ.

וֶועגְן דֶעם הָאט אִים דִי אֵייזְל פָארְגֶעהַאלְטְן און גֶעזָאגְט: פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן דִי דְרֵיי מָאל [שָׁלֹשׁ רְגָלִים]? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים מִיט דֶעם גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר וִויל אוֹיסְרַייסְן אַ אוּמָּה וָואס הַאלְט דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י בַּמִּדְבָּר כב, כח). זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת הַתּוֹרָה הֲלָכָה ד, אוֹת ב; וְעוֹד): דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִמֵּילָא וֶועסְטוּ זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען.

און דָאס זֶעהְט מֶען טַאקֶע נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט שֶׁעלְטְן דִי אִידְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, און

עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז דָאס אִיז אַזַא פָאלְק וָואס מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט בַּייקוּמֶען; דָאס הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר כג, ט): **הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן** - דָאס אִיז אַ פָאלְק וָואס זֵיי הָאבְּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; **וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב** - זֵיי מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גוֹיִם; ווִידֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם שָׁם, כד): **הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְגוֹ'** - דָאס אִיז אַ פָאלְק וָואס יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף, כַאפְּן זֵיי טַלִית וּתְפִלִּין אוּן גֵייעֶן דַאוֶוענֶען, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט גֵייעֶן זֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן בִּיז ווִילַאנְג זֵיי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זֵיי פַארְלֶענְדְן אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט שֶׁעדִיגְן (עַיֵין בְּרַשִׁ"י שָׁם).

קוּמְט אוֹיס אַז בִּלְעָם הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז וֶוען אַ אִיד לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מֶעקְט עֶר אָפּ אַלֶע קְלִיפּוֹת פוּן אַ גַאנְצְן טָאג, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט טַאקֶע אַ גַאנְצְן טָאג גֶעטְרַאכְט פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן פוּן אַלֶע מִינֵי זַאכְן נָאר

נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער[16], אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אִיד דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט יֶעדְן טָאג, מִמֵּילָא הָאט בִּלְעָם גֶעזֶעהְן אַז מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט שֶׁעלְטְן בְּשׁוּם אוֹפָן.

---

16 [בִּשְׁעַת אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא אוּן עֶר קֶען אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, וָואלְט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן פְרֵיי פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַז דוּ דַארְפְּסְט ׳דִירָה גֶעלְט׳? בֶּעט עֶס דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער! אַזוֹי אוֹיךְ וָואס דוּ דַארְפְּסְט בֶּעט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער וֶועסְטוּ זֶעהְן נִסִּים וְנִפְלָאוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ז). אוּן אַז עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז דוּ זֶעהְסְט דִי יְשׁוּעָה, וֶועט עֶס זַיין אַ שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה! דָאס קֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן יֶעדֶער וָואס גֵייט אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר זֶעהְט שְׁטֵיין דֶעם פְּרַאכְטְפוּלֶען גְרוֹיסְן ׳בֵּית הַכְּנֶסֶת׳, נָאכְדֶעם וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ וְוִיסְטְן מִדְבָּר בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן דֶער שְׁטְרָאף (=רָב...) וָואס אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אַלֵיין, הָאט פְּרָאבִּירְט, אוּן פְּרָאבִּירְט נָאךְ אַלְץ אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים, נָאר אוּנְז עוֹקֶר צוּ זַיין, אוּן צוּשְׁטֶערְן דָאס בּוֹיעֶן, דָאךְ נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן תְּפִלָּה, אִיז דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן פַארְקֶערְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַטֶבַע, נָאר אִינְגַאנְצְן דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן אָן קַיין גְבִירִים וְכוּ׳, זֶעהְט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וָואס תְּפִלָּה אִיז. [עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן מִיט וואוּנְדֶער: וְוִי אַזוֹי וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער ׳בֵּית הַמִקְדָשׁ׳? אָבֶּער אַז מֶען גֵייט דָארְט, אוּן מֶען זֶעהְט דֶעם אָפֶּענֶעם נֵס, וְוִי אַזוֹי דֶער ׳בֵּית הַמִדְרָשׁ׳ שְׁטֵייט מִיט פְּרַאכְט, פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר גוּט].

דֶערְפַאר אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין טָמֵא׳נֶע פְּלַאן מֶען זָאל זֵיי אַרַיינְכַאפְּן אִין נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי זָאלְן צַאמְקוּקְן אַלֶע שְׁמוּץ[17], וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדֶרעדְט זַיין הַארְץ פַאר רֶבִּי נָתָן **זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רמד), אַז עֶר הָאט מוֹרָא׳דִיג צַעַר אַז יֶעדְן טָאג מוּז עֶר טְרַאכְטְן פוּן בִּלְעָם בַּיים דַאוְֶוענֶען; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט (שָׁם): אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז זַיין גַאנְצֶער עֵסֶק אִיז צוּ מַכְנִיעַ זַיין בִּלְעָם וָואס עֶר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְלִיפָּה.

אָבֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק, אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג

[17] וָואס דָאס וֶוערְט נֶעבֶּעךְ מְקוּיָים יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער, אַ נֵס אַז מֶען פָּארְט אַרוֹיס אִין קַאנְטְרִי, וַוייל דָא אִין שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען דַארְף זִיךְ צַאמְזֶעהְן דִי אָפְּפַאל פוּן דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם, וָואס דָאס אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען בִּלְעָם׳ס עֵצָה, בִּפְרַט דִי אַלֶע וָואס דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִין מַאנְהֶעטְן דַארְפְן גְרוֹיס רַחְמִים.

זַיין פְרֵיילִיךְ און זִינְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן בִּלְעָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל אִין זִיךְ אַרַיינֶעמֶען דִי אַלֶע דִיבּוּרִים און זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און רֶעדְן נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּפְרַט יֶעצְט זוּמֶער וֶוען מֶען פָארְט אַרוֹיס אוֹיף צְוֵויי חֳדָשִׁים צְווִישְׁן דִי בֶּערְג און בֵּיימֶער, וָואס דָארְט אִיז זֵייעֶר גֶעאֵייגֶענְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יא; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צח): וֶוען מֶען גֵייט אִין פֶעלְד שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווילְן אַלֶע גְרָאזְן נִכְלָל וֶוערְן און אַרַיינְגֵיין אִין דִי תְּפִלּוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זֵיי אַלֶע הֶעלְפְן אִים צוּ. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קסג): עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט פְרוּם צוּ זַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער און גְרָאז, און עֶס הֶעלְפְט זֵייעֶר

שְׁטַאַרְק צוּ פַאַרְן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וַוייל קֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט דָארְט,

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער, אוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זָאלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com